# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

ברגשי אהבה מתכבדים אנו בזה להגיש **מזל טוב** הלבבית
אמע"כ ידידי "אבותינו" הנאמנים העומדים תמיד הכן בסבר פנים יפות
לטובת **אבותינו** איש על מחנהו ואיש על דגלו ה"ה

הרב **שלמה ווילהעלם** שליט"א **וב'ב** שיחי'
רב ד'זיטאמור, אוקריינע
לרגל שמחת בר מצוה **לבנם היקר** שיחי'

הרב **דובעריש וועבער** שליט"א **וב'ב** שיחי'
יו"ר של מערכת **"זכרון אבותינו"** שע"י אבותינו
לרגלי נשיאי **בתם הח'** שתחי' עב"ג **החתן היקר** שיחי'

**ויה"ר שיזכו הם וכל הנלוים אליהם לרב נחת ושמחת מכל יוצ"ח עם כט"ס**

## ענדגילטיגער דאטום כ' טבת

### משמרת בתי חיים – מעינטענענ"ס

**לכבוד אלע חשוב'ע עוסקים בעבוה"ק, ראשי הוועד של הצלת קברי אבות זי"ע, וכל יוצאי העיר הע"י!**

ווי געמאלדן איז כ' טבת דער ענדגילטיגער זמן צו באנייען די מעינטענענ"ס קאנטראקט אויפ'ן קומענדיגע יאר, דורך אונטערשרייבן א שטר הסכם, צווישן אבותינו און די משפחה, און מסדר זיין די תשלומין פון הוצאות המעינטענענ"ס.

רופט שוין: 718-640-1470 - עקסט. 306/307

**א ביה"ח אן קיין אונטערגעשריבענע שטר הסכם ביז זונטאג וארא-כ' טבת הבעל"ט וועט מער נישט זיין אונטער אבותינו'ס אויפזיכט.**

דער אפיס וועט זיין אי"ה ספעציעל אפען זונטאג פ' וארא פון 12 מיטאג ביז 8 ביינאכט

בכבוד רב, הנהלת משמרת ביה"ח שע"י אבותינו
יצחק מרדכי פאללאק - יודא מרדכי דייטש
ליפא וואלנער - אהרן יודא אבעלעס

### דוגמא

פון א ביה"ח אונטער משמרת ביה"ח שע"י אבותינו פאר עטליכע יאר. די גראז און ביימער ווערן געשניטן 4 מאל א יאר, און דערנאך באזוכט דורך די שליחי אבותינו צו פארזיכערן אז די קברי אבות זצ"ל זענען במנוחה נכונה ובכבוד הראוי




די נאבעלע אונטערנעמונג ווערט געפירט בנאמנות בהשתדלות ידידינו החשוב הרה"ח ר' **נפתלי לענעראוויטש** שליט"א

## תשובה נוראה מאת

**הגה"ק בעל דברי חיים זי"ע**
**בענין גודל חיוב כבוד הנפטרים**

•

**"ווען עס פאסירט ח"ו א בזיון המת אויף א ביה"ח, דארף די גאנצע שטאט פאסטן"**

[ולכאו' כש"כ ווען עס האנדלט זיך פון אייגענע אבות].

שאלה: וז"ל בנידון השאלה אל המקרה לא טוב וכו' ונגררו עצמות המתים מתינוקות וכו'.

תשובה: ...בנפל ספר תורה לארץ מתענים כל שהי' בעת נפילה, מכל שכן במת שאמרינן בגמרא (מוע"ק כ"ה ע"א, שבת ק"ה ע"ב) שהעומד בשעת יציאת נשמה מחויב לקרוע דומיא דספר תורה שנשרף, א"כ הכי נמי בזה, **כי בזיון אחר מיתה דומה לספר תורה שנתבזה** וכספר תורה נוהגין לגזור תענית מכל שכן מבזיון המת שיש לגזור תענית, ואם נימא הא שם אין מתענים רק מי שהי' בבית שנפל הספר תורה לארץ אבל לא שארי בני העיר.

אך ממה דמבואר בשו"ת אמרי א"ש (או"ח סי' ו') דמי שהי' בבית חייב משום גורס דמי שהי' שם הי' לו לשמור ספר תורה שלא יפול, והכא **כל בני העיר גורמים** לאיתא בש"ס (יבמות ס"ג ע"ב) דבעון חיי חטטי שכבי, אם **כן כל בני העיר** גורמים לבזיון המתים ולכן חייבין להתענות.

שו"ת דברי חיים (יור"ד סי' קל"ז)

## צוגרייטונגען צו בנין הגדרים

### זוממער תשע"ב הבעל"ט

א דויערהאפטיגן גדר בכבוד הראוי וועט אי"ה געבויעט ווערן קומענדיגן **זוממער הבעל"ט** דורך יוצאי העיר בעקעטש, בהשתדלות ידידינו הנאמן המפורסם לשבח ולתהלה חוב"ט הרה"ג מוה"ר **מרדכי שמואל יונתן בערקאוויטש** שליט"א

די ביה"ח אין **'בעקעטש'** איז לאנגע יארן געווען שטארק פארלאזט, אין א בזיון נורא רח"ל, הפקר לבהמות וחיתו ארץ. בעז"ה וועט אצינד צוריקגעברענגט ווערן בכבוד הראוי.




Horseracing at the Jewish Cemetery in Bekecs רח"ל

## לשאלת הרבים

אזוי ווי די ענדגילטיגער זמן פון אונטערשרייבן די מעינטענענ'ס הסכם דערנעענטערט זיך, פילן מיר א פליכט קלאר שטעלן פארן **חשוב'ן ציבור די פאלגענדע איינצלהייטן:**

- א ביה"ח וואס ווערט אונטערגעשריבן א כתב הסכם, איז די "מעינטענענ'ס" פון די ביה"ח אונטער די אויפזיכט פון אבותינו.
- א ביה"ח וואס ווערט נישט אונטערגעשריבן א כתב הסכם וועט מהיום והלאה נישט זיין אונטער די אויפזיכט פון אבותינו.
- __א הארציגע בקשה__: צוזעהנדיג פון די נאנט די מסירת נפש פון די ראשי הוועד, וועלכע האבן בלו"נ אוועקגעגעבן כוחם ומאודם פאר די הצלת ותיקון הביה"ח,

**⇦בעטן מיר "דערהערט אייער רוף" ⇨**

פון די געטרייע ראשי הוועד וועלכע ווענדן זיך צו די ריכטיגע שותפים און גלייכע אפשטאמיגע פונעם שטעטל פון די אבות, ביטע אויב מעגליך נעמט אייך אונטער צוזאמצושטעלן זכות הוצאת שנה א' אדער לכה"פ הוצאת החודש,

מסדר צו זיין דעם זכות פון משמרת ביה"ח, רופט די ראשי וועד הביה"ח אדער קומט אריין אין אפיס פון אבותינו.

**זכות אבות יגן עליכם ועל בניכם, להתברך בכל טוב סלה**

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

HFPJC · אבותינו

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11211 T: 718-640-1470 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha

עס איז ערלויבט צו פארשפרייטן דעם בולעטין אינ'ם אריגינעלן פארמאט